פֿאַרהערלעכט מיך, וועגן וועמען איר זאָגט, אַז ער
איז אייער ג־ט; און איר האָט אים דאָך נישט דער־
קענט, איך אָבער קען אים יאָ; און אויב איך זאָל
זאָגן, אַז איך קען אים נישט, וועל איך זיין אַ ליגנער
גלייך צו אייך; נאָר איך קען אים, און היט אָפּ
זיין וואָרט. אברהם, אייער פֿאָטער, האָט זיך גע־
פֿריידט, אַז ער זאָל זעען מיין טאָג, און האָט געזעען,
און זיך משמח געווען. די יידן האָבן דעריבער
געזאָגט צו אים: דו ביסט נאָך נישט פֿופֿציק
יאָר אַלט, און האָסט שוין געזעען אברהמען?
האָט ישוע צו זיי געזאָגט: באמת, באמת זאָג איך
אייך: איידער אברהם איז געווען, בין איך. זיי
האָבן דעריבער אויפֿגעהויבן שטיינער, כדי אים
צו באוואַרפֿן; ישוע אָבער האָט זיך פֿאַרבאָרגן,
און איז אַרויסגעגאַנגען אויס דעם בית המקדש.

## קאַפּיטל ניין

און פֿאַרבייגייענדיק האָט ער געזעען אַ מענטשן,
אַ בלינדן פֿון דער געבורט אָן. און זיינע
תלמידים האָבן אים געפֿרעגט, אַזוי צו זאָגן:
רבי, ווער האָט געזינדיקט, דער דאָזיקער אָדער
זיינע עלטערן, אַז ער איז געבוירן געוואָרן
בלינד? האָט ישוע געענטפֿערט: נישט ער האָט
געזינדיקט, נישט די עלטערן זיינע; נאָר כדי די
מעשים פֿון ג־ט זאָלן אַנטפּלעקט ווערן אין אים.
מיר מוזן טון די מעשים פֿון אים, וואָס האָט מיך
געשיקט, כל־זמן עס איז טאָג; די נאַכט קומט אָן,
ווען קיינער קען נישט אַרבעטן. בשעת איך בין
אין דער וועלט, בין איך דאָס ליכט פֿון דער
וועלט. דאָס זאָגנדיק, האָט ער אויסגעשפּיגן אויף